# צענטראלע סעודת הילולא פון מרן הגה"ק בעל "אך פרי תבואה" מליסקא זי"ע

## וועט געפראוועט ווערן דורך כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א

### מיטוואך פרשת ואתחנן אין בית המדרש ליסקא אין בארא פארק

י"ד אב פאלט אויס די הילולא קדישא פון הגה"ק רבן של ישראל רבי צבי הירש זצוק"ל אבד"ק ליסקא, באקאנט אלס דער 'אך פרי תבואה' נאך זיין הייליגן ספר, און מחבר פון ספר הישר והטוב על מועדים וסוגיות הש"ס. חסידישע אידן איבער די גארע וועלט גרייטן זיך צו צי דעם הייליגן טאג, צו פראוון דעם גרויסע יארצייט בכל מקום שהם, אין דער גרויסע צענטראלע סעודה וועט פארקומען דורך כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א מיטוואך אווענט, אור ליום י"ד אב, פרשת ואתחנן, אין ליסקא בית מדרש.

הגה"ק מליסקא זי"ע איז געווען בשעתו פון די גרעסטע מנהיגי החסידות און אונגארן, וועמענס נאמען איז פארהייליגט געווארן ביי חסידים לדורי דורות. טויזענטער אידן פלעגן קומען ביום ההילולא על ציונו הקדוש אין שטאט ליסקא און זיך אויסבעטן ישועות ורפואות בגוף ובנפש. ווי דער 'אך פרי תבואה' זעלבסט האט געזאגט איידער זיין פטירה: "זארגטס ענק נישט, איך וועל אויפטוהן מער אין די זאקן, ווי אין די שיך", מיינעדיג מיט דעם אז ער ווערט ווייטער ארויס העלפען פאר ווער עס קומט נאר צו מתפלל זיין ביי זיין ציון.

ווי ווייט מרן הגה"ק מליסקא זי"ע האט געהאלטן אז דער טאג פון זיין פטירה האט גאר א גרויסע באדייט, קען מען זען פון דעם אינטערעסאנטער עובדא, אז ער האט זיך באוויזן אין דעם טאג פון זיין יארצייט, י"ד אב, צום חוסטער רב, הגה"צ רבי יואל צבי ראטה זצ"ל, בעל שו"ת בית היוצר, און האט



מצבות הגה"ק בעל אך פרי תבואה זי"ע וחתנו מ"מ בעל טל חיים זי"ע

אים געזאגט אז ער זאל נישט זאגט קיין תחנון אין דעם טאג. (זעה דער סיפור הדברים באריכות אינעם הקדמה פון ספר דרשות בית היוצר).

*

הרה"ח בנש"ק ר' אהרן טייטלבוים ז"ל פון איהעלי האט דערציילט:

ביי די קבורה פון הגה"ק מליסקא זי"ע, האט דער עולם ארייגעווארפן אינעם אפענעם קבר קוויטלעך מיט בקשות. דעם אנדערן טאג איז דער אך פרי תבואה געקומען אין חלום צו איינעם פון זיינע חסידים און האט אים געזאגט: "איך האב געזען דיין קוויטל, אבער נעכטן בין איך געווען פארנומען מיט מיר. דעריבער זאלסטו נאכאמאל קומען אויף מיין קבר, און זאלסט מזכיר זיין דיין בקשה".

*

יעדעס יאר אינעם טאג י"ד אב, די יומא דהילולא קדישא פון הגה"ק מליסקא זי"ע זענען געקומען טויזענטער מענטשן פון אלע עקן לאנד זיך משתטח זיין אויף זיין הייליגע ציון, צווישן זיי אויך די גדולי הדור.

דער קאשוי'ער רב, הגה"צ רבי רפאל בלום זצ"ל פלעגט אסאך יארן רעדן אין דעם טאג, וואס האט זיך אפגעטוהן אין אונגארן שוין טעג איידער דער יארצייט האט מען זיך געלאזט איבער די וועגענער און אויף די באנען אנצוקומען קיין ליסקא.

דערביי האט ער נאכגעזאגט פון א בריעוו וואס זיין טאטע הרב ר' שמואל בלום ז"ל האט געשריבן בשנת תרצ"ה (געדרוקט אין ספר 'נפתלי שבע רצון') :

"...גם זאת אזכיר, כי על היארצייט בליסקא (י"ד מנחם אב) היה המנהג מקדמת דנא, כי גם הרבה בחורים מהישיבות הסמוכות מתאספו ובאו שמה, ונקבצו בכל עת כמו מסיקסא, ש'פאטאק, טשאבא, ה' מאד, קערעסטור, סערענטש, סעמיהאל, אויהעלי, נירעדהאז, טאקאי, פוטנאק, מישקאלץ, וכו' וכו'.

ופעם אחת היינו כמו ארבעים וחמישים במספר, והלכנו יחד שלובי זרוע, לכל הרבנים הגדולים שהיו שם לקבל פניהם וברכתם, וראשון תחילה לרבינו הגאון [בעל בית נפתלי ממאד] ז"ל, וקבל אותנו בסבר פנים יפות, וציין כמעט את כל אחד ואחד עם איזה דברים חמים, והלהיב אותנו להתמדת הלימוד, כי הם חיינו. וקראנו בקול חי..."

*

אפילו יארן שפעטער ביז צום לעצטן קריג זענען נאך מאסן מענטשן געקומען צו גיין אויף דער יארצייט. אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין ירחון 'וילקט יוסף' (שנה ב סי' רכו) ווי ער באווינדערט אז נאך אזויפיל יארן זינט דער פטירה פון הגה"ק מליסקא זי"ע שטראמען נאך אלס אזויפיל אידן צום ציון המציונת אין ליסקא, מענער פרויען קינדער, יונג און אלט, פון נאהנט און פון ווייט האט באלאגערט ליסקא, צווישן זיי תלמידי חכמים, צדיקים מופלגים, חסידים ואנשי מעשה, עמודי התורה אשר בית ישראל נשען עליהם.

*

די 'חברה קדישא' פלעגן פארקויפן קארטלעך פאר יעדן וואס האט געוואלט אריינגיין אינעם אוהל מתפלל זיין, און די איינקונפט איז געגאנגען פאר די חברה



אידן דאווענען ביי די אלטע וואנט פון די אמאליגע שוהל אין ליסקא



דער בית החיים אין ליסקא, געזען דער אהל של צדיקי ליסקא